NYC
Charter Revision Commission

החליטה נומער 4

**החלטה פון די טשארטער רעוויזיע אנצונעמען די פרילימינערי באריכט און ארבעטער רעקאמעדאציעס.**

וויבאלד, מאי 22, 2024 האט דער מעיאר געגרידעט די טשארטער רעוויזיע קאמיסיע לויט די חלקים 36 (4) און 36 (6) (ד) פון די מוניסיפאלע היים געזעץ פון די שטאט ניו יארק; און

וויבאלד דער מעיאר פון ניו יארק האט באשטימט דרייצן יחידים צו דינען אויף דער ניו יארק סיטי טשארטער רעוויזיע קאמיסיע (נאכפאלגענדיג "דער קאמיסיע") לויט די חלק 36 (4) פון די מוניסיפאלע היים געזעץ: און

וויבאלד די ארבעטער פון די קאמיסיע האבן ארויסגעגעבן די טשארטער רעוויזיע קאמיסיע פרילימינערי באריכט יוני 24, 2024, וואס האבן אידענטיפיצירט געביטן פון אויפמערקזאמקייט באזירט אויף עדות געקריגן דורך די קאמיסיע פון די ציבור, שטאט אגענציעס, פובליק באאמטע; און

וויבאלד, די טשארטער רעוויזיע קאמיסיע פרילימינערי באריכט ענטהאלט ארבעטער רעקאמעדאציעס צו די קאמיסיע וואס איז שייך צו די פארזיכערטנג פונעם ציבור, פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט, רעגירונג קאנטראקטן, און רעגירונג מאדערניזירונג; און

וויבאלד, די רעזולוציע ווייזט דער קאמיסיע'ס אננעמען פון פון די טשארטער רעוויזיע קאמיסיע פרילימינערי באריכט אלץ א צאמברענגונג פון אמפארמאציע באטראכט דורך די קאמיסיע ביז היינט און די כונה פון דער קאמיסיע צו נעמען די ארבעטער רעקאמעדאציעס אין באטראכט בשעת די קאמיסיע באשטימט די לעצטע פראפאוזלס צו ווערן פארגעשטעלט צו די וואס שטימען ביי די גענעראלע וואלן נאוועמבער 5, 2025; און

יעצט, דעריבער, זאל עס זיין געלייזט אז דער ניו יארק סיטי טשארטער רעוויזיע קאמיסיע פירט די ארבעטער ווייטער צו נעמען אין באטראכט די רעקאמעדאציעס ענטהאלטן אין די טשארטער רעוויזיע קאמיסיע פרילימינערי באריכט, וויאויך צו אריינצונעמען פארזיכטיגע באטראכטונג פון פראפאוזלס צו שטיצן די די אפעראציעס פון די קאמיטעניטי'ס קאמיטיס און פארבעסערן די שטאט'ס קאנטראקטן פראצעס;

און ווייטער צו ווערן געשלאסן אז אין ליכט פון די מערקווירדיגע צאל פון עדות פארגעשטעלט צו די קאמיסיע בנוגע די וואלן טוישן, פירט די ניו יארק טשארטער רעוויזיע קאמיסיע אן די ארבעטער פארזיכטיגע צו אדרעסירן די פארשידנארטיגע וואלן רעפארמען פרעזענטירט צו די קאמיסיע אין די קאמיסיע'ס לעצטע באריכט, מיט א רעקאמעדאציע אז עלעקשן רעפארם זאל ווערן גענומען אין באטראכט דורך א צוקונפט'דיגע טשארטער רעוויזיע קאמיסיע;

בלאט 2 פון די קורצע דאקומענט:

און זאל עס ווייטער זיין געשלאסן אז די קאמיסיע וועט ווייטער איבערקוקן די טשארטער איינגאנצן און וועט באטראכטן סיי וואספארא איבעריגע ענינים ארויפגעברענגט אין פובליק הערינגס, דורך געשריבענע עדות, אדער דורך שטאב וואס זענען נישט אויסגערעכנט דא, און די ניו יארק סיטי טשארטער רעוויזיע קאמיסיע הייסט דעם שטאב צו זאמלען אלע איבעריגע אינפארמאציע צאמגעקליבן פאר באטראכטונג דורך די קאמיסיע אין צוגרייטונג פאר די לעצטע באריכט;

און זאל עס ווייטער זיין געשלאסן אז די ניו יארק סיטי טשארטער רעוויזיע קאמיסיע הייסט דעם שטאב אנצוגרייטן א לעצטן באריכט און שטים-צעטל פראגן און אבסטראקטן אין איינקלאנג מיט די אויבנדערמאנטע באפעלן און מיט אזעלכע ווייטערדיגע ענדערונגען אזוי ווי עס פעלט אויס און ווי עס פאסט דורך דער אנפירער (טשער) מיט נאטיץ צו די קאמיסיאנערן, און צוגעשטעלט ווייטער אז די לעצטע באריכט און שטים-צעטל פראגן און אבסטראקטן, אנזאמלדיג אפשפיגלען די קאמיסיע'ס פראפאוזלס, זאל זיין אריינגעגעבן צו די קאמיסיע פאר יולי 25, 2024 פאר באטראכטונג טאמער מען זאל שטעלן די פראפאוזלס פאר די וויילער ביי די גענעראלע עלעקשנס וואס וועט ווערן געהאלטן נאוועמבער 5, 2024

דאטום: יוני 26, 2024

באשטעטיגט דורך א שטימונג פון ___7___ לטובת, ____0____ קעגן, און ____0______ אפגעהאלטן